# פרשת האזינו

## שיחת יום ג׳, ד׳ תשרי ה׳תש״נ

**– לחברי קרן פיתוח שע״י מחנה ישראל –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דאָס איז א דינסטאג אין עשרת ימי תשובה, וואָס דעמאָלט קומען זיך צוזאַמען אידן מיטן אויבערשטן אַלס א יחיד, על אחת כמה וכמה אידן אַלס א צבור, על אחת כמה וכמה אידן וואָס דער אויבערשטער האָט צו זיי געהאט אין זיי צוטרוי, און האָט זיי געגעבן ספעציעלע מיטלען און ספעציעלע ״ריסורסען״ מערער ווי מ׳גיט געוויינליכע מענטשן,

איז דאָך א סימן, אַז דער אויבערשטער זעהט אין זיי די מעגלעכקייט אַז דאָס וואָס זיי באקומען מערער ווי סתם א מענטש א הצלחה מיוחדה – וועט דאָס זיכער דערפון געטאן ווערן א זאך וואָס איז גוט פאר דעם רבים ביז פארן גאנצן אידישן פאלק,

וואָס דערפאַר איז דאָך אויך – ווי די גמרא זאָגט – אַז ״רבי מכבד עשירים״ – דער וואָס האָט מייסד געווען און מסדר געווען די תורה שבעל פה, וואָס זי הויבט זיך אָן פון די ששה סדרי משנה – האָט ער געהאט ארויסגעוויזן ספעציעלע צוטרוי צו די וואָס דער אויבערשטער האָט זיי אנפארטרויעט מיט גשמיות׳דיקע מעגלעכקייטן,

איז און דער הויפט-טעם, וויבאלד אַז דער אויבערשטער האָט צו זיי צוטרוי, און גיט זיי ספעצילע כשרונות און פעאיקייטן, און גיט זיי אויך מעגלעכקייטן אויף דורכפירן זייער באשלוס און זייערע החלטות במילואם אין דער פולסטער מאס, איז א זיכערע זאך אַז דער אויבערשטער האָט געוואלט דאָס כדי זיי זאלן נאכמער דערהויבן ווערן דורכדעם וואָס זיי בלייבן – ניט נאָר ביי א החלטה, ביי א באשלוס אליין – נאָר זיי ברענגען אַרויס די באשלוס בפועל נאָך אין מערער – אין אן אופן אַז ״מהם יראו וכן יעשו״, זיי ווערן א לעבעדיקן ביישפיל פאר די מענטשן ארום זיך, על אחת כמה וכמה פאר די וואָס האבן מיט זיי צוטאן אין געשעפטלעכע זאכן,

איז ווי מ׳זעהט דאָך – די וואָס זיינען צוזאַמען אין דעם זעלבען געשעפעט – שותפים, האבן זיי אויך א קירוב הדעת און לערנען אפ איינער פון דעם צווייטן אין אַלע גוטע זאכן ווי אַזוי ער קאן דאָס נאכמערער צוגעבן ביי זיך דורך דעם ביישפיל פון זיינעם א שותף, אדער פון דעם שותף׳ס א שותף, און אַזוי קלייבט מען זיך צוזאַמען א צבור גדול און א קהל גדול אַז ס׳ווערן מערערע שותפים אין יעדער גוטע זאך, זעהט מען דאָך בפועל אַז די זאך האָט מערער הצלחה,

ובפרט נאָך אַז דעמאָלט איז אויך – ווי שטייט אין תורה – אַז דער אויבערשטער זעהט ״הן א-ל כביר לא ימאס״ – אַז ס׳האבן זיך צוזאַמענגעקליבן א שטארקער קהל, מערערע אידן, און זיי אַלע צוזאַמען זיינען געקומען צו דער זעלבער החלטה, אַז אין דעם און דעם, די און די גוטע זאך דארף מען שטיצן מיט די גרעסטע מעגלעכקייט, איז דאָך א זיכערע זאך אַז זיי פירן דאָס דערנאך דורך בפועל,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

און ס׳אויך א זיכערע זאך – על דרך ווי מ׳זאָגט אפילו אין גשמיות׳דיקע זאכן, אַז "מי שיש לו מנה רוצה מאתיים" – בשעת מ׳זעהט אַז מ׳האָט מצליח געווען אין א פעולה טובה, איז דאָס גופא גיט צו א חשק גדול – א שטארקען רצון אַז מ׳זאל ווערלן טאן נאָך צוויי מאל אַזוי פיל, ובפרט נאָך אַז מ׳טוט צוויי מאל אזויפיל און מ׳זעהט וואָס פאר א גוטע זאך ער האָט אויפגעטאן – באגנוגענט ער זיך ניט מיט זיינע דערגרייכונגען אין דעם טאָג אדער אין דעם שעה, און וויל טאן צוויי מאל אַזוי פיל – ווי גערעדט מערערע מאל,

און ס׳איז זעלבספארשטאנדליך אַז דער אויבערשטער בלייבט ניט חס ושלום קיין בעל חוב, און ווי מ׳זעהט דאָס אויך להבדיל ביי א גוטע געשעפטסמאן, אַז כדי ער וויל מ׳זאל האבן צו אים צוטרוי, און מ׳זאל פאלגן ווי ביי אים קומט אויס, זעהט מען אז ער זאל ערוועקן צוטרוי אַז דאָס וואָס ער איז מבטיח איז ער מקיים, און איז מקיים ניט אין אזא אופן אַז מ׳דארף אים דערמאנען אויף דערויף אדער מאנען ביי אים וכו׳, נאָר ער גיט דאָס פון זיך אליין,

וואָס דערפון זעהט מען דאָך אויך די הנהגה אין אמת׳ע געשפעטסלייט, אַז ביי זיי איינער פון די פרינציפּן און פון די יסודות איז, אַז יעדער זאך וואָס מ׳איז מבטיח א צווייטען ווי ס׳זאל ניט זיין, צי ס׳דא א געשריבענע פאפיר אדער ניט קיין געשריבענע פאפיר, איז ער עומד בדבורו און ווייסט אַז א דיבור פאר א מענטשן פון צוטרוי איז דאָס פונקט ווי ער האָט אויף דערויף צוגעזאגט און מבטיח געווען, און ס׳איז א זיכערע זאך אַז ער טוט דאָס.

און נאכמערער: ער טוט דאָס בשמחה וטוב לבב, ניט דערפאַר וואָס מ׳מאנט ביי אים און מ׳טומלט און מ׳באדערט אים, נאָר ער טוט דאָס פון זיך אליין, און דערנאך בלייבט דאָס אויך גלייך באצאלט ווי יעדער גוטער זאך, האָט דאָך דער אויבערשטער איינגעארדענט אין וועלט אַז סוף סוף, בשעת מ׳טוט א גוטע זאך איז אף על פי וואָס אמאל פארהאלט זיך דער שכר – דער אפצאל – דערפאַר, דער שכר גשמי און דער שכר רוחני, אָבער סוף סוף קומט אַרויס דער שכר במילואו,

און דאָס גיט צו יעדער גביר און אַלע גבירים ובפרט אַז זיי קלייבן זיך צוזאַמען – אַז צום אלעם ערשטן זאלן אויסנוצן דעם צוזאמענקלייבן זיך פאר א טובה, ניט נאָר זיך און די אייגענע שותפים, נאָר פאר א טובה פאר אַלע אידן – ביז פארן גאנצען אידישען פאלק, און אויסנוצן דאָס – ווי געזאגט – ניט דערפאַר וואָס מ׳וועט זיי מאנען דאָס ביי זיי נאָר זיי אליין שלאגן זיך אן, און וואָס נאכמערער: מ׳באגנוגנט זיך ניט מיט זיך אליין נאָר מ׳זעהט משפיע זיין, איינווירקן, אויף אַלע אידן ארום זיך און אפילו אויף ניט אידן – זיינען זיי דאָך אויך מחויב בשבע מצות בני נח, מחויב אויך אין די מצוה פון צדקה,

וואָס דערפאַר זעהט מען דאָך אויך על פי רוב געשפעטלייט, בפרט אין יונייטעד סטייטס, האבן דאך צוטאן סיי מיט אידן און סיי מיט ניט אידן, האבן זיי אויך א שליחות מיוחדה לויט דער תורה בהנוגע צו ניט אידן, פונקט אַזוי ווי מ׳האָט א שליחות איינווירקן אויף יעדער אידן אין אידישקייט, האָט מען א שליחות פון דעם אויבערשטן, געגעבן אויך דורך משה, בשעת מתן תורה – ווי דער רמב"ם שרייבט, איינווירקן אויף די באקאנטע און די גוט-פריינד וואָס זיינען ניט אידן, אַז זיי זאלן אויך אויסנוצן זייער מעגלעכקייטן, און זייערע פעאיגקייטן, אויף מאכן גוט ארום זיך אין אַלע ענינים של צדקה,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

וואָס דאָס מאכט די גאנצע מעגלכקייט און די גאנצע סביבה און דער גאנצער קאָנטרי – דער גאנצער לאנד – פאר א לאנד וואָס זי איז ראוי אַז דער אויבערשטער זאל אויף דערויף זאגן אַז "ועשו לי מקדש" – אָט דאָרטן מ׳בויט פאר דעם אויבערשטן הייליקייט, צי דאָס א הייליגקייט אין בנינים אדער א הייליגקייט אין געשפעטן אדער א הייליגקייט וואָס מ׳נעמט פון געשעפט און מ׳גיט על כל פנים מעשר אדער נאכמערער חומש אויף ענינים של צדקה,

זאל דער אויבערשטער זאגן אויף דערויף "ושכנתי בתוכם", אַז וויפל הצלחה ער האָט זיי געגעבן ביז דעמאָלט, איז מכאן ולהבא וועט דאָס זיין נאָך כמה פעמים ככה, מערער מאל אזויפיל.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.